# - פנינים על מגילת אסתר -

**מהודו ועד כוש**, מיר געפונען א מחלוקת אין גמרא, רב ושמואל, איינער זאגט אז הודו איז אין איין עק וועלט און כוש אין די אנדערע, און איינער זאגט אז הודו און כוש זענען איינע נעבן די אנדערע, דער אמת איז אז זיי קריגן זיך נישט, ווייל מיר ווייסן דאך אז די וועלט איז קיילאכדיג, קומט אויס אז פון איין זייט איז איינע נאנט צו די אנדערע, און פון די אנדערע זייט קומט דאס אויס די צווייטע עק וועלט.

(מחיר יין להרמ"א)

**והשתיה כדת אין אונס**, די תורה ווערט אנגערופן "אבן שתיה", ווייל דאס איז דער יסוד פון די וועלט, דאס מיינט דער פסוק **והשתיה כדת**, אז מען לערנט די תורה, **אין אונס**, נישט געצווינגען נאר **כי כן יסד המלך** ווייל אזוי האט דער באשעפער געהייסן, דעמאלס, **לעשות כרצון איש ואיש**, טהוט מען אין הימל וואס דער מענטש בעט און וויל.

(הרה"ק ר"ר הערש מרימנוב)

**לעשות כרצון איש ואיש**, די גמרא דרש'נט, אז **איש ואיש** מיינט מרדכי און המן, דאס מיינט דער פסוק, **כי כן יסד המלך**, דער באשעפער האט באשאפן די וועלט **לעשות כרצון איש ואיש**, דער מענטש זאל זיך אליין אויסקלייבן מיט זיין ווילן צו זיין א צדיק ווי מרדכי, אדער ווי המן.

(הרה"ק הרר"ש מבעלזא)

**ויאמר ממוכן**, זאגט די גמרא "מכאן שהדיוט קופץ בראש", אז א פראסטער מענטש שפרינגט ארויס דער ערשטער, **ממוכן** איז די אותיות **מום-כן** - אזוי צו טהון איז א פעלער.

(הרה"ק מהר"ש מבעלזא)

**ומרדכי ידע את כל אשר נעשה**, עס ווערט געברענגט אז מרדכי האט געוואוסט אלעס וואס עס דארף געשעהן, און אויך אז עס וועט זיין א נס, און דאס וואס ער האט צוריסן די קליידער און געשריגן, איז ווייל ער האט פארשטאנען אז דער נס וועט געשעהן נאר דורך תשובה.

(מתוך ספה"ק ישמח משה)

**והמן בא לאמר למלך לתלות את מרדכי על העץ אשר הכין לו**, פשטות מיינט וואס ער האט אנגעגרייט פאר מרדכי, זאגט אויף דעם די גמרא **לו הכין**, ער האט דאס פאר זיך אנגעגרייט,

קען זיין פשט, דער באשעפער האט געוואלט אז המן זאל ליגן אויף א הויכער

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il

בוים פון 50 היילן, און אזא בוים איז זייער שווער צו טרעפן, און טאמער מרדכי וועט דאס דארפן צוגרייטן וואלט ער אסאך צייט געדארפט מבטל תורה זיין,

וועגן דעם האט דער באשעפער געמאכט אז המן זאל צוגרייטן פאר זיך אנשטאט מרדכי זאל דאס דארפן צוגרייטן, דאס מיינט **לו הכין**, אשטאט מרדכי האט המן צוגעגרייט,

קומט אויס אז המן האט באדינט אזא גרויסער תלמיד חכם ווי מרדכי, ער האט געמאכט די גרויסע הכנה צו די מצוה פון מחיית עמלק, וועגן דעם האט ער באקומען א שכר אז "מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק", און אויך האט ער זוכה געווען "וחמת המלך שככה", אז דעם באשעפער'ס צארן איז געווארן אפגעשטילט (המלך סתם מיינט דעם באשעפער), אלעס אין זכות פון באדינען דעם צדיק מרדכי.

(צמח דוד)

**ומשלוח מנות איש לרעהו**, **איש** מיינט דעם באשעפער, אזוי ווי עס שטייט "ה' איש מלחמה", **רעהו** מיינט מען די אידן, אזוי ווי עס שטייט "למען אחי ורעי אדברא נא", **אביון** מיינט משיח, אזוי ווי עס שטייט "עני ורוכב על החמור", זאגט דער פסוק **ומשלוח מנות איש**, וואס שיקט דער באשעפער, **לרעהו** צו די יודן, **ומתנות לאביונים**, ער וועט שיקן משיח צדקנו וואס אלע פעלקער וועלן איהם שיקן מתנות.

(הרה"ק ר' אהרן מקארלין)

**בגתנא ותרש**, דער סופר פון מלך האט געטראפן אין בוך די מעשה פון בגתנא ותרש, באמת האט ער געהייסן בגתן, נאר דער סופר איז געווען א רשע, האט ער געשריבן **בגתן או תרש**, דאס מיינט אז נאר איינער האט געטהון שלעכטס און מען האט סתם געהאנגען ביידן, איז געקומען דער מלאך און צוטיילט **בגתנא ותרש**.(ספרים)

**ובבוקר אמור למלך**, המן האט געוואלט אויפהענגען מרדכי גאנץ פריה, פאר ער ליינט קריאת שמע של שחרית, וואס דער ערשטער פסוק פון שמע מיט ברוך שם מיט דעם כולל זענען 50 אותיות, וואס זענען מבטל דעם עץ וואס איז גבוה 50 אמה,

און ער האט געוואוסט די גרויסקייט פון ק"ש וואס איז מבטל שלעכטע גזירות, וועגן דעם שטייט **בבוקר**, פאר מרדכי יאגט נאך אן צו ליינען ק"ש, און מרדכי האט אויך געוואוסט דעם סוד פון דעם, און האט גלייך געליינט ק"ש, און אין דעם זכות איז בטל געווארן די גזירה.

(רבינו שליט"א)

**וישם אחשורוש מס על הארץ**, ווי קומט דאס אריין אין דעם נס פון די מגילה? נאר ווען אחשורוש האט געוואלט אז אסתר זאל דערציילן איר יחוס, שטייט **והנחה למדינות עשה**, ער האט געמאכט א הנחה לכבוד אסתר, וועגן דעם ווען ער האט שוין געוואוסט פון ווי זי שטאמט, שטייט **וישם אחשורוש מס**, ער האט צוריק געלייגט די מס פון פריער. (ספרים)

די גמרא זאגט, **המן מן התורה מנין**, ווי איז מרומז המן אין די תורה, זאגט די

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il

גמרא מען לערנט דאס ארויס פון פסוק **הַמִן העץ אשר צויתיך**, דער פסוק וואס רעדט פון אדם הראשון פון דעם עץ הדעת, איז שווער, וואספארא שייכות האט דער חטא פון דעם עץ הדעת צו המן הרשע,

נאר עס ווערט געברענגט, אז אדם הראשון האט געמעגט עסן פון אלע בוימער פון גן עדן, חוץ פון איין בוים, דער עץ הדעת, און דאך האט ער געהאט א נסיון צו עסן דוקא פון דעם איינציגן בוים, און צו המן האט זיך די גאנצע וועלט געבוקט חוץ איין יוד, מרדכי, און דאך האט ער נישט אויסגעהאלטן פון דעם איינציגן יוד.

(ספרים הקדושים)



**חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי**, קען מען זאגן בדרך צחות, די עשירים ווען עס קומט פורים קלאגן זיי אז מען גייט זיי בעטן געלט, שרייען זיי **ארור המן** - פארשאלטן זאל זיין דער המן וואס צוליב איהם דארפן זיי אזוי פיל געלט אויסגעבן, אבער די ארעמע לייט פרייען זיך ווען ס'קומט פורים, זיי באקומען מתנות לאביונים און משלוח מנות, שרייען זיי **ברוך מרדכי**,

דאס מיינט חייב איניש לבסומי בפוריא **עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי** - די עשירים זאלן זיך אויך פרייען און טיילן מיטן גאנצן הארצן, און דער באשעפער זאלן העלפן אז אלע יודן זאלן האבן פרנסה בהרחבה גדולה, אמן.



גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il